עוואלוציאנערע און פאלקס ליעדער

מידט אונז אין
אייזערנע קייטען

ריסיגע חיות
אונז רייסט ;

ר חעט אונזער
קערפער נור טויטען,

בער ניט אונזער
הייליגען גייסט !

ד. עדעלשטאט.

236

רויסגעגעבען פון פערלאג „איפסעל" פילאדעלפיא

רעוואלוציאנערע

און

פאלקס ליעדער

ארויסגעגעבען פון פערלאג „איפסעל" פילאדעלפיא

S. BARON, SEC'Y

5177 HESTON STREET

PHILADELPHIA, PA.

אברהם רייזין

א ווינטער ליעד

הוליעט הוליעט בייזע ווינטען
פריי בעהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגען, ווארפט די בוימער
טהוט וואס אייך געפעלט!

טרייבט די פויגעל פון די וועלדער
און פאריאגט זיי פארט;
די וואס קענען ווייט נישט פליהען, —
טוידטעט זיי אויפ׳ן ארט!

רייסט די לאדען פון די הייזלעך
שויבען ברעכט ארויס!
ברענט א ליכטעל ערגעץ דונקעל, —
לעשט מיט צארען אויס!

הוליעט, הוליעט בייזע ווינטען
איצט איז אייער צייט!
לאנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאך ווייט!...

מ. ווינטשעווסקי

דער אינטערנאציאנאל

שטעהט אויף, איהר אלע ווער ווי שקלאפען,
אין הונגער לעבען מוז, און נויטה!
דער גייסט — ער קאכט, און רופט צו וואפען,
אין שלאכט אונז פיהרען איז ער גרייט...

די וועלט פון גוואלדטהאטען און ליידען
צושטערען וועלען מיר און דאן
פון פרייהייט, גלייכהייט א גן עדן
בעשאפען וועט דער ארבייטס מאן.

דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און ענטשיעדענער שטרייט !
מיט דעם אינטערנאציאָנאל
שטעהט אויף, איהר ארבייטס לייט !

ניין קיינער וועט אונז ניט בעפרייען :
ניט גאָט אליין און ניט קיין העלד —
מיט אונזער אייגענעם כלי־זין
ערלעזונג ברענגען מיר די וועלט.
די גרויסע שטורם טעג זיי וועלען
נאָר פאר טיראנען שרעקליך זיין :
זיי קאָנען אָבער ניט פערשטעלען
פון אונז די העלע זונען־שיין.

דאָס וועט זיין...

דער ארבייטס מאן וועט זיין ממשלה
פערשפרייטען אויף דער גאנצער ערד,
און פאראזיטען די מפלה
בעקומען וועלען פונז יין שווערד.
אראָפּ דעם יאָך ! גענוג געליטען.
גענוג פערגאָסען בלוט און שווייס !
צובלאָזט דעם פייער, לאָמיר שמיעדען
כל־זמן דאָס אייזען איז נאָך הייס !

דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער...

פארלעש דיין פייער, לייג אוועק דייז האמער !
קום ! דו הערסט ... עס קלינגט דער אבענד גלאָק !

עס קלינגט דער אבענד גלאָק ! יא. איך הער איהם קלינגען
מיין טוידטעס אורטהייל הער איך אין זיין קלאנג.—
און לעבען ווילט זיך... עס ווילט זיך טרוימען זינגען,
קעמפפען געגען יעדען שקלאפען צוואנג !...

איך וואָלט געוואָלט, אָה פאָלק ! דייז רויטער זעגעל
נאָך מאכען רויטער מיט מיין הערצענס בלוט —
און, ווי א לייב מיט זיינע שארפע נעגעל,
דיין פיינד בעקעמפפען מיט שטאָלצעז העלדענמוטה !

דאָך, וואָס נוצען די הייליגסטע פערלאנגען !
צו ענדע איז מיין לעבענס טאָג ! —
צו ענדע — טרוימען, טרערען און געזאנגען,
עס רופט דער טויט, עס שלאָגט דער אבענד גלאָק.

געאָרג הערווע

און דו אקערסט און דו זייסט

און דו אקערסט און דיי זייסט,
און דו פיטערסט, און דו נעהסט,
און דו האמערסט, און דו שפינסט
זאָג, מיין פאָלק, וואָס דו פערדינסט ?

רעפריין

קלינג, קלאנג ! קלינג, קלאנג !
קלינגט דער האמער, מיט זיין געזאמער
קלינג, קלאנג ! קלינג, קלאנג !
קלינגט דער האמער, מיט זיין געזאמער

וועבסטו דיין וועב שטוהל טאָג און נאכט.
גראָבסט אונז אייזען פון דער שאכט,

ברייננגסט · די שפע אונז אריין.
פול מיט תבואה און מיט ווייז.

רעפריין

שאפט אונז אוצרות אהן · א שירע.
אלעסדינג, נאר ניט פאר דיר,
און פאר זיך האסטו אין · נויטה
נאר געשמידט א שווערע קייט...

רעפריין

מאן דער ארבייט אויפגעוואכט,
און דערקען דיין גרויסע מאכט !
ווען דיין שטארקע האנד · נאר וויל,
שטעהען אלע רעדער שטיל !...

רעפריין

ד. ערעלשטאט

אין קאמף

מיר ווערען געהאסט און געטריבען,
מיר ווערען געפלאגט און פערפאלגט, —
און אלעס דערפאר, ווייל מיר ליעבען
דאס ארימע שמאכטענדע פאלק.

מיר ווערען געשאסען, געהאנקען ;
מען בערויבט אונז דאס לעבען אין רעכט
דערפאר, ווייל מיר אמת פערלאנגען
און פרייהייט פאר ארימע קנעכט !

אבער אונז וועט ניט ערשרעקען
געפענגנים און טיראנייע !
מיר מוזען די מענשהייט ערוועקען
און מאכען זיי גליקליך און פריי.

שמידט אונז אין אייזערנע קייטען
ווי בלוטיגע חיות אונז רייסט ;
איהר וועט אונזער קערפער נור טוידטען
אבער ניט אונזער הייליגען גייסט.

טיראַנען: איהר קענט איהם ניט טוידטען
דאָס איז אַן אונשטערבליכער בלום;
זיינע שמעקענדע, פלאַמענדע קווייטען
בליהען שוין יעצט אומעטום.

זיי בליהען אין דענקענדע מענשען
וואָס ליעבען גערעכטיגקייט, ליכט;
אויף אין מיין קבר וועל איך הערען
מיין פרייעס ליעד, מיין שטורם ליעד
אויף דאָרט וועל איך פארגיסען טרערען
פאַר דעם פערשקלאַפטען קריסט און איד.

און ווען איך הער די שווערדען קלינגען
אין לעטען קאמפף פון בלוט און שמערץ —
צום פאָלק וועל איך פון׳ם קבר זינגען
איך וועל בעגייסטערען זיין הערץ.

מ. ווינטשעווסקי

די רויטע פאָהן

אונזער פהאָן איז רויט, ליעבע ברידער,
ווייל מיר ווילען, אז קיינער זאָל מעהר ניט זיין בלאס!
אז די פארבע פון נויטה, ליעבע ברידער,
זאָל ניט טראָגען דעם פנים פון ארבייטער קלאַס.

אונזער פאָהן איז רויט, ליעבע ברידער,
ווייל מען האָט איהר בעפאַרבען מיט ארבייטער בלוט
און די צייטען פון נויטה, ליעבע ברידער,
אין די צייטען פון רויף און פון מאָרד און פון וואוטה.

אונזער פאָהן איז רויט, ליעבע ברידער,
ווייל מיר ווילען דעם פורפור וואָס האָט אזוי לאנג
די טיראנען געקליידעט, ליעבע ברידער,
איבערגעבען דעם פאָלק, מיט א יובעל־געזאנג.

ז. סינאני

צום „בונד“

אין זאלציגען ים פון די מענשליכע טרערען
געפינט זיך א שרעקליכער תהום ;
ער קען שוין ניט טיעפער ניט פינסטערער ווערען,
איהם צייכענט א בלוטיגער שטראם...

דעם תהום האָבען טויזענדער יאָהרען געגראָבען
אמונה און שנאה און פיין,
און טויזענדער יאָהרען אלץ טראָפּען נאָך טראָפּען
עס גיסען זיך טרערען דאריין.

און פול איז דער תהום... דאָס איז אידישע טרערען
נאָר האָט ניט קיין טענות אין זיי :
א בלוטיגער טרער טהוט דעם קבצן געהערען,
דעם נגד — א ווייסער ווי שנעע.

נאָך אייך בעלי׳ מלאכות, אביונים, קבצנים,
געהערט דאָך דער בלוטיגער תהום,
און אייערע „ברידער“ די רייכע גזלנים
געהערט נאָר פון אויבען דער שום.

שוין פול איז דער ים און פערפלייצט אלע ברעגען,
וואו זענען די העלדען, די לייט,
די וועלכע עס וועלען זיך מוטיג ערוואגען
צו וואַרפען אין תהום זיך אין שטרייט ?

דעם ארבייטער ווער־זשע וועט ענדליך ערלייזען
פון הונגער און אייביגער לייד
און ווער וועט דעם וועג איהם צו פרייהייט בעווייזען
צו ברידערשאפט, גלייכהייט און פרייד ?

די גביר׳ישע קינדער, משכילים רבנים —
זיי רופען אין ציון דעם איד,
א ליעדעל אן אלטע פון אונזער שונאים
„א געטאָ דעם עוויגען זשיד !“

זיי רופען אונז זוכען, די קאַלטינקע מתים
פון הייליגע קברים א לאַנד.
און דאָס, וואָס עס זיפצען און ליידען „קדושים"
צו דעם איז מען טויב ווי די וואנד!

משיח און יורדנטהום — ביידע געשטאָרבען
איין אנדער משיח קומט אַז:
דער אידישער ארבייטער (גביר'ישער קרבן)
הויבט אויף שוין פון פרייהייט די פאָהן.

דער העלד וועט די וועלט אי בעפרייען, אי היילען,
ער ט'גרייכען דעם תהום ביז'ן גרונד!
עס לעבע פון רוסלאנד, פון ליטא און פוילען
דער אידישער „ארבייטער בונד"!

ד. עדעלשטאַט

דער אידישער פּראָלעטאַריער

ברידער, מיר טראָגען א דרייפאַכע קייט —
אלס אידען, אלס שקלאַפען, אלס דענקער;
מיר ווערען געיאָגט און געמאַטערט צום טויט
פון אנטיסעמיטען און הענקער.

די בלומעלעך יונגע וואָס פאנגען ערשט אָן
צו לאָזען די עדעלע קוויטען,
ווערען צוטראָטען פון געלד-זעק און טהראָן,
פארמאַטערט אין שקלאַפען קייטען.

מען מאַכט אונז פאַר בעטלער, מען מאַכט אונז פאַר קנעכט,
מען ווערגט אונז, מען בויגט אונז אין דרייען;
מען זאָגט אונז: אלעם דאַרף זיין פאַר אייך רעכט,
און רויבט מען אייך, — טאָרט איהר ניט שרייען.

דאָך, ברידער, עס לעבט נאָך דער הייליגער גייסט,
וואָס מאַכט פאַר א העלד אויך דעם שלאַפען;

וואָס וואַרפט אום די קערקערס, די קייטען צורייסט.
און בעפרייט די פאַרמאַטערטע שקלאַפען.

ער וועט אונז העלפען פון דרייפאַכען פלוך
די אַרבייטס מאַסע ערלעזען ;
נור דאַן וועט די מענשהייט איהר טאַגע בוך
אָהן טרערען, אָהן שאַנד קענען לעזען.

ברידער, מיר מוזען, די ליידענדע ערד
פון קייטען, פון טרערען בעפרייען !
שולטער אָן שולטער, מיט פאַנצער און שווערד,
פאָרווערטס אין די קעמפּפענדע רייהען !

וואָס שווערער דער קריעג, דאָס זיסער דער זיעג
דאָס פּראַכטפולער זיינען די פּירות !
און ווער עס פאַלט אין פרייהייטס קריעג,
דער לעבט אין די קומענדע דורות.

וואָס טויג אונז דאָס לעבען. אָהן פרייהייט, אהן רעכט,
אונטער בייטש פון טיראַנען !
ביז וואַנען וועלען מיר בלייבען נאָך קנעכט,
היימלאָזע שקלאַפען — ביז וואַנען ? !

ברידער, שווערט די פערבלוטיגטע ערד,
דאָס פאָלק פון טיראַנען בעפרייען !
שולטער אָן שולטער, מיט פאַנצער און שווערד,
פאָרווערטס אין די קעמפּפענדע רייהען !

ד. עדעלשטאַט

מיין צוואה

אָ גוטע פריינד ! ווען איך וועל שטאַרבען,
טראָגט צו מיין קבר אונזער פאָהן —
די פרייע פאָהן מיט רויטע פאַרבען,
בעשפּריצט מיט בלוט פון אַרבייטסמאַן !

און דאָרט אונטער דעם באַנער רויטען
זינגט מיר מיין ליעד, מיין פרייעס ליעד!
מיין ליעד „אין קאמפף“ וואָס קלינגט ווי קייטען —
פון דעם פערשקלאַפּטען קריסט און איד.

מ. ווינטשעווסקי

דער פרייהייטס-גייסט

אין די גאַסען — צו די מאַסען
פון בעדריקטע פעלקער ראַסען,
רופט דער פרייהייטס גייסט :
איך ברענג וואָפען — פאַר דעם שלאָפען,
איך בעפריי די ארבייטס שקלאַפען,
און איך מאַך זיי דרייסט.

„איך קום פרויען — אנפערטרויען
יעדעם רעכט צו העלפען בויען
גלייכהייטס גרויסען טהראן;
גיב זיי רעכטע — אין די עכטע
ברידערליכע און גערעכטע
ארגאניזאציאן.

„איך קום מעלדען — יענע העלדען.
וועלכע שמאכטען אין די קעלטען
פון סיביר אצונד.
אז צוטראגען — וועט אסטראגען
באלד מיין שטורעם, — באלד וועט שלאגען
די בעפרייאונגס שטונד".

פאלקס ליעדער

מאי קא-משמע לן

אברהם רייזין

מאי קאַ מאשמע־לן דער רעגען ?
וואָס זשע לאָזט ער מיר צו הערען ?
זיינע טראָפּענס אויף די שויבען
קויקלען זיך, ווי טריבע טרעהרען.
און די שטיוועל איז צוריסען,
און עס ווערט אין גאס א בלאָטע ;
באלד וועט אויך דער ווינטער קומען —
כ'האָב קיין ווארעמע קאפּאָטע...

מאי קא משמע־לן דאָס ליכטעל ?
וואָס זשע לאָזט עס מיר צו הערען ?
ס'קאפּעט און עס טריפט איהר חלב
און ס'וועט באלד פון איהר נישט ווערען.
אזוי צאנק איך דאָ אין קלייזעל,
ווי א ליכטעל, שוואַ דאון טונקעל
ביז איך וועל אזוי מיר אויסגעהן
אין דער שטיל אין מזרח ווינקעל...

מאי קא משמע־לן דער זייגער ?
וואָס זשע לאָזט ער מיר צו הערען
מיט זיין געלבען ציפער בלעטעל,
מיט זייז קלינגען, מיט זיין שווערען ?
ס'איז אן אָנגעשטעלטע כלי,
ס'האָט קיין לעבען, קיין געפיהלען,
קומט די שעה דאָ מוז ער שלאָגען,
אָהן זיין רצון, אָהן זיין ווילען...

מאי קא משמע־לן מיין לעבען ?
וואָס זשע לאָזט עס מיר צו הערען ?
פוילען, וועלקען אין דער יוגענד,
פאר דער צייט פארעלטערט ווערען.

עפעז „טעג" און שלינגען טרעהרען
שלאָפען אויפ'ן פויסט דעם הארטען,
טוידטען דאָ די „עולם הזה"
און אויף עולם הבא ווארטען...

ח. נ. ביאליק

אונטער די גרינינקע בוימעלעך

אונטער די גרינינקע בוימעלעך
שפילען זיך משה'לעך, שלמה'לעך;

ציצית, קאפאָטקעלעך, פאה'לעך,
אידעלעך פריש פון די אייעלעך.

גופים'לעך שטרוי, רויך און פעדערלעך,
נעם און צעבלאָז זיי אויף גליעדערלעך,

כאפען זיי אויף גרינגע ווינטעלעך
און עס צוטראָגען זיי פויגעלעך...

נאָר איין זאך פארמאָגען זיי — אויגעלעך,
די אויגען פערמאָגען צוויי פינטעלעך,

וואָס גליהען און פינקלען און טוקען זיך,
און עפעס ווי נביא'יש און וואונדערליך,

פארטראכטען זיך טיעף און פארקוקען זיך
אויף נעכטיגע טעג און אויף פויגעלעך...

אוי. מיר זאָל זיין, אידישע קינדערלעך,
פאר אייערע כשר'ע אויגעלעך!...

איך געה ארוים אליין אין וועג

(איבערזעצט פון אברהם רייזין)

איך געה ארוים, אליין אין וועג אין ברייטען,
עס גלאנצט דער וועג דורך דינעם נעבעל שטורם,
שטיל די נאכט, דער מדבר הערט גאט רעדען,
און די שטערען זינגען גאט א לויב.

אויפ'ן הימעל וואונדערליך און הערליך,
עס רייצט די ערד אין בלויעז שיין געהילט,
וואס זשע איז אזוי מיר באנג און שווערליך ?
ווארט איך וואס ? צו האב איך וואס פארשפילט ?

ניין ! איך ווארט פון לעבען גאר נישט ווייטער,
און די נאכט ארט מיך אויך נישט פיעל,
איך זוך נאר רוה, ווערען א בעפרייטער,
לאזען אלץ אנטשלאפען ווערען שטיל...

נישט מיט יענעם קורצען שלאף פון קבר,
אייביג שלאפען וואלט איך האבען לוסט
שלאגען זאל מיט לעבען יעדער אבר.
אטהעמענדיג זיך הויבען זאל די ברוסט.

טאג און נאכט, איך הערען, זאל זיך ציהען
א געזאנג פון ליעבע אהן א שיער
און דעמב זאל אייביג גרינער בליהען
בויגען זיך און רוישען אייביג מיר.

שלאָף מיין קינד

שלאָף מיין קינד, מיין טרייסט, מיין שעהנער,
שלאָף, מיין זוהנעניו !
שלאָף, מיין קרוין, מיין קדיש איינער,
ליולינקע ליו־ליו.

ביי דיין וויעגעל זיצט דיין מאמע,
זינגט א ליעד און וויינט :
וועסט אמאל פערשטעהן מסתמא,
וואס זי האָט געמיינט.

אין „אמעריקא" דער טאטע
דיינער, זוהנעניו !
ביזט א קינד נאָך, שלאָף לעת־עתה,
שלאָף זשע, שלאָף ליו־ליו.

דאָס „אמעריקא" פאר יעדען,
זאָגט מען, איז א גליק,
און פאר יעדן א גן־עדן
עפּעס אן אנטיק.

דאָרטען וויסט מען פון קיין גלות,
גזירות, זונעניו,
פון קיין צרות, קיין יללות,
שלאָף זשע, שלאָף ליו־ליו.

דאָרטען, זאָגט מען, זענען אידען,
קיין עין הרע, רייך.
יעדער לעבט זיך דאָרט צופריעדען, —
אלע זענען גלייך.

דאָרטען עסט מען אין דער וואָכען
חלה זוהנעניו !
יאיכלעך וועל איך דיר דאָרט קאָכען,
שלאָף זשע, שלאָף ליו־ליו.

נאַר דערוויילע לאָמיר האָפען,
אוי וואָס קען מען טהון ?
כ'וואָלט שוין לאנג צו איהם געטראָפען.
ווייס איך ניט וואוהין...

גאָט וועט הייסען, וועט ער שיקען
בריוועלעך, זונעניו !
גאָר אין גיכען אונז בעגליקען
שלאָף זשע, שלאָף ליו־ליו.

ער וועט שיקען צוואנציג דאָלאר,
זיין פּאָרטרעט דערצו,
און וועט נעהמען, לעבען זאָל ער,
אונז אהינצו־צו.

מ. ווארשאווסקי

אויפ'ן פריפעטשיק

אויפ'ן פריפעטשיק ברענט א פייערל
און אין שטוב איז היים
און דער רבי לערענט קליינע קינדערלעך
דעם אלף בית.

רעפריין :

זעהט זשע קינדערלעך, געדענקט זשע טייערע,
וואָס איהר לערענט דאָ.
זאָגט זשע נאָך אמאָל און טאקע נאָך אמאָל
קמץ אלף אָ.

לערענט, קינדער מיט גרויס חשק
אזוי זאָג איך אייך אַז
ווער עס וועט גיכער פון אייך קענען עברי,
דער באקומט א פאָהן.

זעהט זשע...

לערענט קינדער, האָט ניט מורא.
יעדער אָנהויב איז שווער.
גליקליך דער וואָס האָט געלערענט תורה,
צו דארף דער מענש נאָך מעהר ?

זעהט זשע...

איהר וועט, קינדער, עלטער ווערעז
וועט איהר אליין פערשטעהן.
וויפיעל אין די אותיות ליעגען טרערען
און וויפיעל געוויין.

זעהט זשע...

און אז איהר וועט קינדער דעם גלות שלעפּען
אויסגעמוטשעט זיין
זאָלט איהר פון די אותיות כח שעפּען
קוקט אין זיי אריין.

זעהט זשע...

די מעזינקע אויסגעגעבען

העכער, בעסער !
די ראָד, די ראָד מאכט גרעסער,
גרויס האט מיך גאָט געמאכט,
גליק האָט ער מיר געבראכט,
הוליעט קינדער, א גאנצע נאכט,
די מעזינקע אויסגעגעבען,
די מעזינקע אויסגעגעבען...

שטארקער, פרעהליך,
דו די מלכה, איך דער מלך
אי, אי, איך אליין

האָב מיט מיינע אויגען געזעהן,
ווי גאָט איז מיר מצליח געווען
די מעזינקע אויסגעגעבען (2 מאָל)

דער טייערער פעטער יאָסע
און די גוטע מומע סאָסיע
האָבען מיר צום חתן מאָל
טייערע ·ווייַנען אָהן א צאָהל
מיר געשיקט פון ארץ ישראל.
די מעזינקע אויסגעגעבען · (2 מאָל)

מאָטעל, שמעון, די אָרעמע לייט זיינען געקומען,
שטעלט פאָר·זיי דעם שעהנסטען טיש.
טייערסטע ווייַנען, טייערסטע פיש,
אי מיין טאָכטער, גיב מיר א קיש !
די מעזינקע אויסגעגעבען · (2 מאָל)

אייזיק מזיק, די באָבע געהט א קזיק
אָהן עיר הרע, זעהט נאָר זעהט.
ווי זי טופּעט ווי זי טרעט,
אי א שמחה, אי אפרייד !
די מעזינקע אויסגעגעבען (2 מאָל)

איציק שפּיציק, וואָס שוויינסטו מיט'ן שמיציק ?
אויף די כלי־זמר גיב א געשריי
צו שפּיעלען זיי צו שלאָפען זיי.
רייסט די סטרונעס אלע אויף צוויי
די מעזינקע אויסגעגעבען (2 מאָל)

וואָלט איך געווען א ציגיינער

וואָלט איך געווען א ציגיינער
האָב איך ניט קיין בער,
וואָלט איך געווען א שניידער
האָב איך ניט קיין שער.

און די רעדער דרעהען ניט
און די פערדלעך געהען ניט
און אביסעל משקה ווילט זיך
און די ווייב שילט זיך.

געפין איך מיר אויס א שטיין
זיטץ איך דאָרט און וויין!
וואָלט איך געוועזן א סוחר
האָב איך ניט קיין סחורה.
וואָלט איך געוועזן א רב
קען איך ניט קיין תורה.

און די רעדער דרעהען ניט א. ז. וו.

וואָלט איך געוועזן א שמיד
האָב איך ניט קיין קאָוואדלע.
וואָלט איך געוועזן א שיינקער
איז מיין ווייב א פאדלע.

און די רעדער דרעהען ניט א. ז. וו.

געה איך מיר שפאצירען

געה אָיך מיר שפאצירען
טרא לא לא לא לא לא!

געה איך מיר שפאצירען
טרא לא לא לא לא לא!

בעגעגענט מיך א בחור
א הא!

בעגעגענט מיך א בחור
א הא!

ער זאָגט : ער וועט מיך נעהמען —
טרא לא (א. ז. וו.)

ער זאָגט : ער וועט מיך נעהמען —
טרא לא (א. ז. וו.)

ער לעגט מיר אָב אויף ווינטער
א הא !

ער לעגט מיר אָב אויף ווינטער
א הא !

דער ווינטער איז געקומען —
טרא לא (א. ז. וו.)

דער ווינטער איז געקומען —
טרא לא (א. ז. וו.)

ער האָט מיך ניט גענומען —
א הא !

ער האָט מיך ניט גענומען —
א הא !

די אלטע קשיא

פרעגט די וועלט אן אלטע קשיא !
טרא לא טרא רי רע ראם ?
ענטפערט מען : טרא רי רי רא לאם
אי, אי טרא רי רי רי ראם !
און אז מען וויל קען מען דאָך זאָגען : טרא רים ?
בלייבט דאָך וויטער די אלטע קשיא :
טרא לא טרא רי ר רי ראם ?

חאצקעלע

חאצקעלע, חאצקעלע ! שפּיעל מיר א קאזאַצקעלע
און כאָטש אן ארעמע, אבי א כוואטסקע,

ארים איז ניט גוט, ארים איז ניט גוט.
לאָמיר זיך ניט שעהמען מיט אייגענע בלוט !

חאצקעלע, חאצקעלע ! שפּיעל זשע מיר א דומע.
כאָטש אן ארימע אבי א פרומע !

ארים איז ניט גוט, ארים איז ניט גוט א. ז. וו.

חאצקעלע, חאצקעלע ! שפּיעל זשע מיר א אזעמעלע.
פאר א דרייערעל און חאסקעס קרעמעלע,

ארים איז ניט גוט, ארים איז ניט גוט א. ז. וו.

ניט קיין געבעטענע אליין געקומען
כאָטש אן ארעמינקע, פאָרט א מומע

ארים איז ניט גוט, ארים איז ניט גוט א. ז. וו.

געגעבען א פּיימעלע צוגענומען
שפּיעלט א סעמענע פאר א מומען
ארים איז ניט גוט, ארים איז ניט גוט א. ז. וו.

שפּיעל מיר א סעמענע ניט קיין כוואטסקע
איך בין אן אַרעמע אָבער א כוואטסקע

ארים איז ניט גוט, ארים איז ניט גוט א. ז. וו.

אונטער א קליין בוימעלע

אונטער א קליין בוימעלע
זיצען אינגעלעך צוויי
זיי ריידען פון א מיידעלע
קיין זאך קימערט זיי.

דערצעהלט איינער די נסים־לעך
וואָס ער האָט געהאַט
זאָגט איהם גלייך דער צווייטער נאָך
טאקע אקוראט

אונטער א קליין ביימעלע א. ז. וו.

דערצעהלט ער איהם ווי ער פלעגט
ארום געהן ניט געגעסען
דאָרטען וואו זי האָט געוואהנט
שטונדען לאנג געזעסען.

אונטער א קליין ביימעלע א. ז. וו.

הונגער, נויטה און שטורעם קעלט
קיין זאך האָט איהם געשראָקען
אין דער היים די מאמע דאָרט
געווארט האָט מיט א פלאַסען

אונטער א קליין ביימעלע א. ז. וו.

און אלס צוגאָב דער טאטע דאָרט
מיט דעם פּאס דעם גרויסען
אנגעקלאפּט די ביינדעלעך
און פעריאָגט אין דרויסען.

אונטער א קליין ביימעלע א. ז. וו.

וואָס וועט זיין אז משיח וועט קומען ?

רבינו, אוי רבינו !
וואָס וועט זיין אז משיח וועט קומען ?
א סעודה, א סעודה
א סעודה וועט מען מאכען
אז משיח וועט קומען.

במהרה בימינו
בים ! באם !

רביניו, אוי רביניו !
וואָס וועלען מיר טירנקען אויף דער סעודה ?
יין המשומר, יין המשומר
יין המשומר וועלען מיר טרינקען
א סעודה וועט מען מאכען
אז משיח וועט קומען
במהרה בימינו
בים ! באם !

רביניו, אוי רביניו !
וואָס וועלען מיר עסען אויף דער סעודה ?
דעם לויתן, דעם לויתן
דעם לויתן וועלען מיר עסען
יין המשומר וועלען מיר טרינקען א. ז. וו.

רביניו, אוי רביניו !
ווער וועט אונז לערנען אויף דער סעודה ?
משה רבינו, משה רבינו.
משה רבינו וועט אונז לערנען
דעם לויתן וועלען מיר עסען א. ז. וו.

רביניו, אוי רביניו !
ווער וועט אונז חכמות זאָגען אויף דער סעודה ?
שלמה המלך, שלמה המלך.
שלמה המלך וועט אונז חכמות זאגען,
דוד המלך וועט אונז שפּיעלען
משה רבינו וועט אונז לערנען
דעם לויתן וועלען מיר עסען
יין המשומר וועלען מיר טרינקען
א סעודה וועט מען מאכען
אז משיח וועט קומען.
במהרה בימינו
בים ! באם !

אין מיטען וועג

אין מיטען וועג שטעהט א בוים,
שטעהט ער איינגעבויגען:

פאָהרט א איד קיין ארץ ישראל
מיט פערוויינטע אויגען
פאָהרט א איד קיין ארץ ישראל
מיט פערוויינטע אויגען

גאָט, גאָט, ליעבער גאָט!
לאָמיר דאַווענען מנחה. —

אז מיר'ן קיין ארץ ישראל
וועט זיין א גרויסע שמחה.
אז מיר'ן קיין ארץ ישראל
וועט זיין א גרויסע שמחה.

גבאי

— גבאי!
— וואָס וויל דער רבי?
— דער רבי וויל מ'זאָל דערלאנגען די חלות.
— נאָך וואָס טויג די חלות?
— צו שניידען מוציא'ס לכבוד שבת.
— אַך, עונג לשבת, בעם בעם בא
— אַך, עונג ליום טוב, כא כא כא כא!

— גבאי
— וואָס וויל דער רבי?
— דער רבי וויל מ'זאָל דערלאנגען די פיש.
— נאָך וואָס טויג די פיש?
— ארומטיילען די חסידים'לעך וואָס זיצען ביים טיש.
— אַך, עונג ליום טוב, כא כא כא כא!
— אַך, עונג לשבת, בעם בעם בא

— גבאי
— וואָס וויל דער רבי ?
— דער רבי וויל מ׳זאָל דערלאנגען דעם קוגעל.
— נאָך וואָס טויג דער קוגעל ?
— ארומצוטהיילען די חסידים׳לעך וואָס זיצען ווי אָן עיגול.
— אָך, עונג לשבת, בעם בעם בא
— אָך, עונג ליום טוב, כא כא כא כא !

פון חאסלאָוויטש קיין ליבאוויטש

פון חאסלאָוויטש קיין ליבאוויטש
אָי וואָס הער איך אייך ?
פון ליבאוויטש קיין חאסלאָוויטש
אָי וואָס דארף איך אייך ?

איך נעהם דאָס זעקעל אויפ׳ן שטעקעל
אָי וואָס הער איך אייך ?
און דעם פעקעל אויף די פּלייצעס
אָי וואָס דארף איך אייך ?

פון חאסלאָוויטש א. ז. וו.

איך האָב א ווייב מיט זיבען קינדער
אָי וואָס הער איך אייך ?
און זיי אלע שטארבען פאר הונגער
אָי וואָס דארף איך אייך ?

פון חאסלאָוויטש א. ז. וו.

איך האָב א דירה אָהן א דאך
אָי וואָס הער איך אייך ?
און א סוכה אָהן סכך
אָי וואָס דארף איך אייך ?

פון חאסלאָוויטש א. ז. וו.

אויפ׳ן הארצען איז קאלעמוטנע
אֵי וואָס הער איך אייך?
איך פאָהר צום רבי׳ן, אֵי צום רבי׳ן
אֵי וואָס דארף איך אייך?
פון חאסלאָוויטש א. ז. וו.

אָבער אידען זיינען מיר

ווער מיר זיינען זיינעז מיר
אָבער אידַען זיינעז מיר
וואָס מיר טהוען טהועז מיר
אָבער דאוונען דאוונעז מיר

ווער מיר זיינען זיינעז מיר
אָבער אידען זיינעז מיר
וואָס מיר לערנען לערנעז מיר
אָבער תורה לערנעז מיר

ווער מיר זיינען זיינעז מיר
אָבער אידען זיינעז מיר
וואָס מיר גיבען גיבעז מיר
אָבער נדבות גיבעז מיר

ווער מיר זיינען זיינעז מיר
אָבער אידען זיינען מיר
ווען מיר רוהען רוהעז מיר
אָבער שבת רוהעז מיר

ווער מיר זיינען זיינעז מיר
אָבער אידען זיינעז מיר
וואָס מיר בענשען בענשעז מיר
אָבער חנוכה ליכט בענשעז מיר

ווער מיר זיינען זיינעז מיר
אָבער אידען זיינעז מיר
וואו מיר זיצען זיצעז מיר
אָבער אין סוכה זיצעז מיר.

ווערט א מיטגליעד אין דער יאָנג פּיפּעלס סאָשעליסט ליעג

די איינציגע יוגענד אָרגאניזאציאָן אין אמע־ריקא, וועמענס אויפגאבע עס איז צו פערשפּרייטען דעם סאָציאליסטישען אידעאל, די לעהרע וועגען דער נויטהווענדיגקייט און מעגליכקייט איבער צו בויען די יעצטיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג אזוי, אז אלע פּראָדוקציאָנס מיטלען, ווי די לאנד, פאבריקען איי־זענבאהנען א. ז. וו. זאָלען ניט באלאנגען צו קיין איינצעלנע אלס זייער פּריוואט אייגענטהום נאָר צו דער גאנצער געזעלשאפט, און פאר דער בעפרייאונג פון דעם ארבייטער קלאס וועלכער זאָל האָבען די מאכט צו פערוואלטען און געניסען פון אלעס וואָס ער פּראָדוצירט.

יעדער יונגערמאן אדער מיידעל אין דער עלטער פון 15 ביז 30 יאָהר, אהן אונטערשיעד פון ראסע, קאָליר אָדער נאציאָן קען אריינטרעטען אלס א מיטגליעד,אויב ער פערפּפליכטעט זיך צו קעמ־פּפען פאר די אויבענדערמאָהנטע פּרינציפּען.

די יאָנג פּיפּעלס סאָשעליסט ליעג, האָט א מיטגלידערשאפט פון ארום 5 טויזענד איבער׳ן גאנ־צען לאנד און ארום הונדערט טויזענד אין דער גאנ־צער וועלט, מיט וועלכע זי איז ענג פער־בונדען. די י. פּ. ס. ל. האָט ברענטשעס אין אלע טיי־לען פון לאנד, ענגלישע, אידישע און אנדערע. די י. פּ. ס. ל. האָט אן אייגענעם ענגלישען זשורנאל און גיט ארויס רעגעלמעסיג אנדערע סאָציאליסטישע לי־טעראטור. אין די ברענטשעס זיינען פאראן קלאסען איבער סאָציאלע פּראגען, אויך ווערען רעגעלמעסיג געגעבען לעקטשורס איבער די פערשיעדענע וויכטיגע טאגס פּראגען.

יונגערמאן אָדער יונגע מיידעל, שליסט זיך אָן אין אונזערע רייהען. אין די רייהען פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגענד פון דער וועלט. ווערט מיטגליעדער אין דער יאָנג פּיפּעלס סאָשע־ליסט ליעג.

YIPSEL PUBLISHING CO.

PHILADELPHIA, PA.

PRICE 15c.